# דעם רבינ'ס ליכט

עקב תשפ"א
גליון 53



**אֵייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין**
**וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַּאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

מִיר שְׁטֵייעֶן אִין פַּרְשַׁת עֵקֶב, דִי פַּרְשָׁה הֵייבְּט זִיךְ אָן **וְהָיָה "עֵקֶב" תִּשְׁמְעוּן אֶת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה,** פַארְוָואס נוּצְט דִי תּוֹרָה דִי לָשׁוֹן **עֵקֶב,** עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט שְׁטֵיין וְהָיָה אִם תִּשְׁמְעוּן אֶת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה?

דָאס וָוארְט עֵקֶב אִיז מִלָּשׁוֹן סוֹף, אַזוֹי וִוי בַּיי אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶער קָאפּ דֶער אָנְהוֹיבּ אוּן דֶער עָקֶב פוּן דִי פִּיס אִיז דֶער סוֹף. נָאךְ אַ טַייטְשׁ הָאט עֵקֶב "צֶעטְרֶעטְן", וֶוען אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט אַ צְוֵייטְן, זָאגְט מֶען: "עֶר הָאט יֶענֶעם צֶעטְרֶעטְן!"

יֶעצְט וֶוען מֶען אִיז סוֹף פוּן דֶער גָלוּת, אַזוֹי וִוי חז"ל רוּפְן אָן דִי הַיינְטִיגֶע צַייטְן "עִקְבְתָא דִּמְשִׁיחָא - סוֹף פוּנֶעם גָלוּת" דֶער אָנְהוֹיבּ פוּנֶעם אוֹר פוּן מָשִׁיחַ, וֶוען דִי שׂוֹנְאִים שְׁטַארְקְן זִיךְ זֵייעֶר מִיט זֵייעֶרֶע פִּיס אוּן ווילְן חַס וְשָׁלוֹם צֶעטְרֶעטְן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן. וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ דֶעם? זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "אֶת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה" מִשְׁפָּט קוּמְט אוּנְז זָאגְן אַז סְ'אִיז נִישְׁט 'סְתַּם אַזוֹי' גֶעשֶׁען, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צוּפַאל אַז דִי רְשָׁעִים ווילְן שְׁטֶערְן אוּן צֶעטְרֶעטְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, נָאר אַלֶעס אִיז אוֹיסְגֶערֶעכְנְט פוּן בֵּית מִשְׁפָּט פוּן אוֹיבְן, כְּדֵי מִיר זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער דֶערְהֶערְן אַז אַלֶע מִשְׁפָּטִים, אַלֶע דִינִים, מְנִיעוֹת אוּן יִסּוּרִים אִיז נָאר פוּן אוֹיבֶערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט זָאגְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער "וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית וְאֶת הַחֶסֶד אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ", דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז גֶעדֶענְקֶען אוּן זִיךְ דֶערְבַּארֶעמֶען אוּן גֶעדֶענְקֶען זְכוּת אָבוֹת, אוּנְז צוּ הִיטְן פוּן אַלֶעם בֵּייזְן אוּן דִינִים.

וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְיָדוֹ אוֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו" דָאס וַוייזְט אַז אִין דִי יֶעצְטִיגֶע צַייטְן פוּן עִקְבְתָא דִּמְשִׁיחָא וִויל עֵשָׂו צֶעטְרֶעטְן אוּן מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִיז דִי עֵצָה **"וְיָדוֹ אוֹחֶזֶת" "יָד" אִיז מְרַמֵּז אוֹיף תְּפִלָּה,** אַזוֹי זֶעט מֶען אוֹיךְ בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה" זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער תַּרְגּוּם "פְּרִישָׂן בִּצְלוֹ" עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט זַיין הֶענְט מִיט אַ תְּפִלָּה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

מֶען זֶעט הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַז אוֹיף יֶעדֶע הֵיילִיגֶע זַאךְ פַּארְלֵייגְט זִיךְ דֶער בַּעַל דָּבָר דָאס צוּ צֶעשְׁטֶערְן, בִּפְרָט אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: **"אִיךְ הָאבּ דָאס בַּאקוּמֶען בְּמַתָּנָה פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן",** דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אוֹיסְרוּפְן: "אַז וֶוער עֶס אִיז מְקוֹרָב צוּ אִים זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה."




דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: **"גָאר מַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה",** אָבֶּער לָאמִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט: **"גָאר מַיין זַאךְ אִיז תְּפִלָּה",** לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן אִין תְּפִלָּה, סַיי דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה, מַעֲרִיב מִיט כַּוָּונָה, מִיט אַ חֵשֶׁק מִיט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן תְּפִלָּה אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אָדֶער לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת אוּן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטְן פְרַיינְד.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל מְקֻיָּם וֶוערְן דִי הַבְטָחָה פוּן סוֹף פַּרְשָׁה "לֹא יִתְיַצֵּב אִישׁ בִּפְנֵיכֶם, פַּחְדְּכֶם וּמוֹרַאֲכֶם יִתֵּן ה' אֱלֹקֵיכֶם עַל פְּנֵי כָל הָאָרֶץ" אָמֵן וְאָמֵן.

# דער הייליגער רבי

המשך
פון פריערדיגע וואך

דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען שׁוֹין אַרוֹיף אוֹיפְן וָואגְן, מֶען וִויל זִיךְ שׁוֹין אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיפְן וֶועג, אָבֶּער נַחְמָן לָאזְט נִישְׁט נָאךְ, עֶר שְׁטֶעלְט אַוֶועק זַיין פִּיס אוֹיף דִי אַייזֶערְנֶע טְרֶעפְּלֶעך פוּן וָואגְן, אוּן וִויל זִיךְ נִישְׁט רִירְן פוּן אָרְט. "צָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה' - מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין עֲבוֹדַת ה'" וֶועט דֶער קְלֵיין ווּאוֹילֶער אִינְגְל, לֶערְנֶען יָארְן אַרוּם פַּאר דִי שְׁפֶּעטֶערֶע דוֹרוֹת, צוּ וִויסְן וִויפִיל מֶען דַארְף זִיךְ עַקְשָׁנֶ'ען אוֹיף אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ, בִּפְרָט "לְדָבָר גָּדוֹל הַצָּרִיךְ לְיַהֲדוּתוֹ, כְּגוֹן לִנְסֹעַ לְצַדִּיק - אַזַא גְרוֹיסֶער זַאךְ, וִוי פָּארְן צוּ אַ צַדִּיק"... דֶער בַּעַל עֲגָלָה שְׁטֵייט שׁוֹין גְרֵייט מִיט דִי לֵייטְשֶׁעס, עֶר וִויל אַרוֹיסְפָּארְן צוּם וֶועג, אָבֶּער דֶער קְלֵיין נַחְמָן רִירְט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי טְרֶעפְּלֶעך, אוּן בֶּעט זִיךְ נָאךְ אַלְס אַיין מִיט טְרֶערְן, אִין וִויל פָּארְן צוּם צַדִּיק, (סְאִיז דָא אַ דֵעָה, אַז עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיינֶע פִּיסֶעלֶעך אוּנְטֶער דִי רֶעדֶער פוּנֶעם וָואגְן...)

אוֹיפְן וָואגְן אִיז גֶעזֶעצְן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק ר' חַיִּים קְרַאסְנֶער, אוּן אַרוֹיסְגֶעקוּקְט פוּן וָואגְן אוֹיפְן קִינְד, סְ'אִיז גָארְנִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ, דָאס אִיז נִישְׁט סְתָּם אַ וֵויינֶערַיי פוּן אַ קִינְד, דָאס אִיז אַ לוֹיטֶערֶער רָצוֹן פוּן אַ הֵיילִיג קִינְד, עֶר וִויל אֱמֶת'דִיג פָּארְן צוּם צַדִּיק! אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ אִים הֶעלְפְן? אִיךְ וֶועל אִים נֶעמֶען מִיט מִיר! הָאט עֶר פֶּעסְט בַּאשְׁלָאסְן בַּיי זִיךְ.

אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, ר' חַיִּים קְרַאסְנֶער אִיז פְלִינְק אַרָאפּ פוּנֶעם וָואגְן, צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם טַאטְן פוּן נַחְמָן אוּן גֶעזָאגְט שְׁטִיל, דָאס קִינְד וִויל בֶּאֱמֶת אַ ווּאוֹילֶע זַאךְ, אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ אִים נֶעמֶען מִיט מִיר, אִיךְ וֶועל הִיטְן אוֹיף אִים דִי גַאנְצֶע וֶועג, אוּן אִים אוֹיךְ צוּרִיק אַהֵיים בְּרֶענְגֶען בְּשָׁלוֹם צוּרִיק אִין שְׁטוּב. הֶערְנְדִיג דִי וֶוערְטֶער הָאט דֶער טַאטֶע צוּגֶעשְׁטִימְט, אַזַא בַּאגְלֵייטֶער וִוי ר' חַיִּים אַלֵיין קֶען גָארְנִישְׁט בֶּעסֶער זַיין, זָאל דֶער קִינְד פָּארְן לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם. דֶער טַאטֶע אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם קְלֵיין נַחְמָן וָואס אִיז נָאךְ אַלְץ גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְן וָואגְן אוּן גֶעוֵויינְט, אוּן גֶעזָאגְט: "קוּם נַחְמָן דַארְפְסְט נִישְׁט וֵויינֶען, דוּ קֶענְסְט פָּארְן מִיט ר' חַיִּים צוּם צַדִּיק....."

דָאס פְרֵייד אוּן גְלִיק פוּן דֶעם קְלֵיין נַחְמָן קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, עֶר הָאט גֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּן שִׂמְחָה אוּן דַאנְק צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, עֶר אִיז שְׁנֶעל אַרוֹיפְגֶעלָאפְן אוֹיפְן וָואגְן אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט נֶעבְן ר' חַיִּים גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דִי מַאמֶע הָאט שְׁנֶעל צַאמְגֶעפַּאקְט אַ זֶעקְל אוֹיפְן וֶועג, אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן קַיין פוֹלְנְאָה....

דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן "תּוֹלְדוֹת" אוּן זֶען זַיין הֵיילִיגֶע צוּרָה, מַמָּשׁ אַ קוּרְצֶע צַייט פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת, אוּן אִיז שְׁפֶּעטֶער אַהֵיים גֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם. יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער קְלֵיין ווּאוֹילֶער אִינְגֶעלֶע אִיז גְרוֹיס גֶעוָוארְן אוּן בַּאווּאוּסְט גֶעוָוארְן, אַלְס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' נַחְמָן מִבְּרֶסְלַב זַצַ"ל, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט אַ גְרוֹיסֶע הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דֶעם צַדִּיק ר' חַיִּים קְרַאסְנֶער, וָואס דוּרְךְ אִים הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן תּוֹלְדוֹת.

אַ הֵיילִיגֶער רָצוֹן פוּן אַ קִינְד אִיז זֵייעֶר טַייעֶר. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְן אוֹיף גוּטֶע רְצוֹנוֹת, אוֹיף אַלֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ אַזוֹי גֶ'עַקְשָׁנְ'ט מִיט תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת, נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְן אוֹיפְן וִוילְן. אִיךְ וִויל זַיין אַ אִישׁ כָּשֵׁר! אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ! אִיךְ וִויל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אַן עֲבֵרָה! אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן בֶּאֱמֶת בְּלֵב שָׁלֵם! אוּן אַזוֹי נָאךְ אוּן נָאךְ בִּיז עֶר הָאט אַלֶעס גֶע'פּוֹעֶל'ט בַּיים הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶערְגְרֵייכְן אִין זַיין לֶעבְן צוּ אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע מַדְרֵגוֹת וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. חִידוּשׁ כְּמוֹתוֹ לֹא הָיָה מֵעוֹלָם וְעַד עוֹלָם....



## אויסגעפּלאַנט אַ יאָר פְּרִיעֶר

עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ"א.

"נו, מ'פָּאָרְט?" "דוּרְךְ וואוּ פָּאָרְסְטוּ?"

"וֶוען פַאַרְשְׁפַּאַרְט מֶען?"

דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי שְׁאֵלוֹת וָואס בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפְּרֶעגְט אֵיינֶער דֶעם צְוֶוייטְן חֹדֶשׁ אָב אוּן אֱלוּל תש"פ. שְׁמוּעוֹת הָאבְּן זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אַז דֶער שָׂטָן הָאט דֶערְשְׁמֶעקְט דֶעם הֵיילִיגְן פֵייעֶר וָואס בְּרֶענְט אִין אוּמַאן אוּן הָאט בַּאשְׁלָאסְן צוּ אַרוֹיסְגֵיין אִין אַ מִלְחָמָה צוּ אָפְּהַאלְטְן בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים זִיךְ צוּ גֵיין וַוארֶעמֶען דִי נְשָׁמָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וֶוען עֶס הָאט זִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייט דִי שְׁמוּעָה אַז דוּרְךְ דָאס לַאנְד בֶּעלַארוּס, וָואס אִיז בַּיים גְרֶענִיץ פוּן אוּקְרֵיינָא, וֶועט מֶען הָאבְּן אַ וֶועג צוּ אַרַיינְגֵיין אִין אוּקְרֵיינָא אוּן אַזוֹי אָנְקוּמֶען קֵיין אוּמַאן, הָאב אִיךְ, צְווִישְׁן נָאךְ טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זִיךְ גֶעפַּאקְט פֶּעק אִין אֵיילֶענִישׁ אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט קֵיין בֶּעלַארוּס מִיטְ'ן לֶעצְטְן פְלִיגֶער וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעלָאזְט גֶעוָוארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ הָאב זִיךְ פְּרָאבִּירְט צוּ אָנְגְרֵייטְן נָאךְ אַ מִיטְל ווִי אַזוֹי אִיךְ זָאל גְרִינְגֶער אַרִיבֶּערְגֶעלָאזְט וֶוערְן דֶעם אוּקְרֵיינִישֶׁער גְרֶענִיץ. לוֹיט דִי עֵצָה פוּן גֶעוִויסֶע עַסְקָנִים הָאב אִיךְ בַּאשְׁטֶעלְט אַ רֵייעֶ בַּיי אַ גֶעוִויסְן דָאקְטֶער אִין קִיֶעוו אוּן אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַ בַּאשְׁטֶעטִיגוּנְג מִיט מַיין נָאמֶען אוּן דֶער נָאמֶען פוּנֶעם דָאקְטֶער בַּיי וֶועמֶען אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען אַ רֵייעֶ. אִיךְ הָאב מִיטְגֶענוּמֶען דָאס צֶעטְל מִיט דִי הָאפֶענוּנְג אַז דָאס וֶועט עֶפֶענֶען פַאר מִיר טוֹיעֶרְן.

לְמַעֲשֶׂה, אִין דֶעם מַצָּב וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן דָארְט 'צְווִישְׁן דִי גְרֶענִיצְן' אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען שַׁיָּיךְ צוּ ווַייזְן פַאר אֵיינֶעם דָאס צֶעטְל.

צוּ מַיין אַנְטוֹישׁוּנְג הָאב אִיךְ זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. גֶעמֵיינְט הָאב אִיךְ אַז מַיין אַרְבֶּעט אִיז גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט.



## מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ"ב.

דֶער שָׂטָן הָאט נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן זַיין קַאמְף אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּטְן פַאר זַיין עֶנְדְגִילְטִיגֶער סוֹף אוּן ווִידֶערְאַמָאל הָאבְּן זִיךְ דִי צִיּוֹנִים פַארְלֵייגְט צוּ שְׁטֶערְן דֶעם קִבּוּץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן. מִיט דִי תְּפִלּוֹת אוּן אֱמוּנָה פוּן בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים וָואס מְ'רַייסְט אַיין שׁוֹין אַ יָאר צַייט, זִינְט עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ"א, וֶועט דָאס מָאל דֶער צַד הַקְּדוּשָּׁה זִיכֶער מְנַצֵּחַ זַיין אוּן עֶס וֶועט זַיין אַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְעֵילָּא וּלְעֵילָּא בַּיים רֶבִּי'ן.

פַאר מִיר, אַ זִיבֶּעצְן יֶערִיגֶער בָּחוּר, אִיז אָבֶּער צוּגֶעקוּמֶען אַ פְרִישֶׁע שְׁטֶערוּנְג פוּן דִי כּוֹחוֹת הַטֻּמְאָה. עֶס אִיז אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט גֶעוָוארְן אוֹיף מַיין נָאמֶען אַן עִכּוּב יְצִיאָה וַוייל אִיךְ הָאב זִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט צוּם טָמֵא'נֶעם לִשְׁכַּת הַגִּיּוּס. נִישְׁט הָאבְּנְדִיג קֵיין וֶועג צוּ עֶרְלֶעדִיגְן אַ פְּטוּר פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאב אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן צוּ פְּרָאבִּירְן מַיין מַזָּל, אֶפְשָׁר וֶועט גֶעלוּנְגֶען זִיךְ אַרִיבֶּערְצוּכַאפְּן מִיטְ'ן כֹּחַ פוּנֶעם רֶבִּי'ן.

בַּאגְלֵייט מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוּן הָאפֶענוּנְגֶען בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען אִין לוּפְטְפֶעלְד. דֶער אַגֶענְט הָאט אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט מַיין פַּאסְפָּארְט אוּן... אוּפְּס!

"דוּ הָאסְט אַן עִכּוּב יְצִיאָה, דוּ טָארְסְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן לַאנְד!" הָאט עֶר גֶעמָאלְדְן.

"אֶפְשָׁר דָאךְ קֶען מֶען מִיר אַרִיבֶּערְלָאזְן, אִיךְ הָאב אַ רַייזֶע קַארְטֶע צוּ צוּרִיקְקוּמֶען," הָאב אִיךְ זִיךְ פְּרָאבִּירְט בֶּעטְן.

"גֵיי דָארְט אִין זַייט, פַארְהַאנְדְל מִיט דֶעם סָאלְדַאט וָואס גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט," הָאט עֶר מִיר אָנְגֶעוִויזְן אוּן אִיךְ בִּין בַּאלְד אַהִינְגֶעגַאנְגֶען.

"צוּ וואוּ ווִילְסְטוּ פָארְן?" הָאט מִיר דֶער סָאלְדַאט

המשך אויף זייט 4

לגאמיר זיך פאר הערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די זעקסטע מעשה
## מלך עניו

אויף וואספארא זאך דארף מען זיין
א **גרויסער עקשן**?
די תשובה איז אין דעם בלעטל.



**א. וויאזוי האט זיך דער מלך גע'חתמ'עט?**
- ❑ אז ער איז א גרויסער גבור
- ❑ אז ער איז א גרויסער גבור און א איש אמת און א עניו
- ❑ אז ער איז א גרויסער גבור און א איש אמת און א עושר

**ב. וועלכע זאך פון די חתימה האט דער מלך געזאגט פאר דעם חכם אז ער ווייסט עס נישט?**
- ❑ אז ער איז א איש אמת און א עניו
- ❑ א אז ער איז א גרויסער גבור
- ❑ אז ער איז א איש אמת

**ג. וואס בעט דער מלך פון דעם חכם, ער זאל אים ברענגען?**
- ❑ א בריוו פון דעם מלך
- ❑ דעם פאטרעט פון דעם מלך
- ❑ איינע פון די שרים פון דעם מלך

**ד. האט דער מלך געהאט דעם פאטרעט פון אלע מלכים?**
- ❑ ער האט געהאט אלע פאטרעטן
- ❑ ער האט נישט געהאט קיין איין פטרעט
- ❑ ער האט געהאט אלע פאטרעטן חוץ פון דעם פאטרעט פון דער מלך וואס האט זיך אזוי גע'חתמ'עט

**ה. וואס איז מיט דעם מלך?**
- ❑ ער זיצט אונטער א פארהאנג
- ❑ ער איז ווייט פון די לייט פון זיין מדינה
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. דורך וואס קען דער חכם וויסן די מהות פון די מדינה?**
- ❑ דורך די קאטאוועס פון דער מדינה
- ❑ דורך די שרים פון די מדינה
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האט דער חכם גענומען מיט זיך?**
- ❑ א משרת
- ❑ זייער אסאך געלט
- ❑ די פאטרעט פון אלע מלכים

**ח. וואס האט דער חכם פארשטאנען אויף יענע מדינה?**
- ❑ אז די מדינה איז פול מיט גאוה
- ❑ אז די מדינה איז פול מיט צדיקים
- ❑ אז די מדינה איז פיל מיט שקרים

**ט. וואס האט ער געזען ביי די געשפעט?**
- ❑ וויאזוי מנארט מענטשן אין משא ומתן
- ❑ ווי די מאניסטראט און אויך די העכרע סאנד איז דורך ליגן
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. וואס האט דער חכם געטון אין דער מדינה?**
- ❑ ער האט זיי גע'מוס'רט
- ❑ ער האט געהאנדלט און זיך געלאזט נארן
- ❑ ער האט געהאנדלט און זיך נישט געלאזט נארן

**יא. וואו איז דער חכם אנגעקומען ביים סוף?**
- ❑ צו די סאנדיס
- ❑ צו דער משנה למלך
- ❑ צום מלך אליין

**יב. וואס האט דער חכם פארציילט פאר דעם מלך**
- ❑ די פאלשקייט פון די מדינה
- ❑ די גאוה פון די מדינה
- ❑ די אמת פון די מדינה

**יג. וואס האט דער מלך געטון ווען דער חכם האט דאס געזאגט?**
- ❑ גארנישט
- ❑ ער האט זיך צוגעבויגן זיינע אויערן צום פארהאנג
- ❑ ער האט גלייך אראפ געווארפן דעם פארהאנג צו זען דעם חכם

**יד. זענען די שרי מלוכה געווען ברוגז אויפן חכם ווען ער האט גערעדט?**
- ❑ זיי זענען געווען זייער ברוגז
- ❑ זיי זענען געווען אביסל ברוגז
- ❑ זיי האבן זיך געפרייט

**טו. וואס האט דער חכם געזאגט וויאזוי ווייסט ער אז דער מלך איז א איש אמת?**
- ❑ וייל דעריבער איז ער ווייט פון דער מדינה
- ❑ פון די ענטפער וואס דער מלך האט אים געענטפערט
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס האט דער מלך געטון?**
- ❑ ער האט געקוקט פון די זייט פון פארהאנג צו זען דעם חכם
- ❑ ער האט געלייגט נאך א פארהאנג אז דער חכם זאל אים נישט זען
- ❑ ער האט א ווארף געטון דעם פארהאנג ער זאל זען דעם חכם

**ער זאל זעהן דעם חכם, ווער איז דאס וואס ער ווייסט און פארשטייט דאס אלץ. - מיט פיל הצלחה**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,**

**02-5-3333-72**

**646-518-1095**

**1-518-329-9149**

**צו הערן די געווינער דרוק נומער 4**

**המשך פון זייט 3**

המשך פון זייט 3

גֶעפְּרֶעגְט. "קַיין קִיעֶוו."

"פַּארְוָואס?" "אִיךְ הָאבּ דָארְט אַ רַייזֶע בַּיי אַ דָאקְטֶער." הָאט מִיר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַרַיינְגֶעלֵייגְט דֶעם גֶעדַאנְק אִין קָאפּ זִיךְ צוּ בַּאנִיצְן מִיט דִי פַארְיֶערִיגֶע עֵצָה.

"אוֹיבּ קֶענְסְטוּ מִיר דָאס אוֹיפְוַוייזְן בִּיז עֶטְלִיכֶע מִינוּט, וֶועל אִיךְ דִיר קֶענֶען אַרוֹיסְלָאזְן," הָאט דֶער סָאלְדַאט גֶעזָאגְט.

אִיךְ הָאבּ בַּאלְד גֶעקְלוּנְגֶען מַיין מַאמֶע, זִי הָאט אַפִּירְגֶעקְרַאצְט דִי בַּאשְׁטֶעטִיגוּנְג פוּן דִי רַייזֶע בַּיים דָאקְטֶער אִין קִיעֶוו וָואס מִיר הָאבְּן עֶרְהַאלְטְן אַ יָאר צוּרִיק, זִי הָאט עֶפֶּעס פַּארְאַרְבֶּעט צוּ טוֹישְׁן דֶעם דַאטוּם אוּן עֶס אַרִיבֶּערְגֶעשִׁיקְט צוּם לוּפְטְפֶּעלְד.

צוּ מַיין גְרוֹיס שִׂמְחָה זֶענֶען דִי מְחוּצוֹת פוּן דִי כּוֹחוֹת הַטֻּמְאָה גֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן, דוּרְךְ אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיסְגֶעפְּלַאנְט אַ יָאר פְרִיעֶר, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַן אִשּׁוּר אַרוֹיסְצוּגֵיין אוּן אַצִינְד גֶעפִין אִיךְ זִיךְ אִין אַ יְשִׁיבָה אִין אוּמַאן צוּזַאמֶען מִיט אַ גְרוֹיסְן צִבּוּר חֲסִידִים וֶועלְכֶע עֶרְוַוארְטְן מִיט שְׁפַּאנוּנְג דֶעם גַאנְצְן עוֹלָם וָואס לֶעכְצְן מִיט בֶּענְקְשַׁאפְט צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.